# פרשת ויגש

**בס"ד. משיחת י"א ניסן ה'תשמ"ה**
**– בקשר עם סיום הרמב"ם –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מ'האט מסיים געווען ביום י"א ניסן בשנה זו דעם "מחזור הראשון" אין רמב"ם וואס עס האבן געלערנט צענדליקער הונדערטער און טויזנטער אידן שלשה פרקים ליום, ביז מ'האט דאס מסיים געווען פון דעם טאג ווען מ'האט דאס אנגעהויבן מיט דעם שיעור איז דער סיום איז דאס י"א ניסן בשנה זו.

איז דאס איז דער גרעסטער טעם וואס ס'איז דא, און וואס מ'דארף גאר ווייטער ניט זוכן, אז אידן זאלן זיך צוזאמענקלייבן, און מאכן א סיום "לגמרה של תורה"[1], און א סיום מיטן גאנצן שטורעם,

וואס דער רמב"ם דארף דאך ניט האבן קיין המלצות און הסברות וועגן זיין גרויסקייט,

כמדובר כמה-פעמים, אז מ'זעט דאך א דבר נפלא, אויף די מצבה זיינע,

וואס זי ווערט דאך באזוכט, אין ארץ-הקודש אין טבריה, על-ידי גדולי ישראל, פון אלערליי סוגים פון אידן, וואס "נהרא נהרא ופשטי"[2] בנוגע צו כמה מנהגים און צו כמה ענינים –

איז דאך יד הכל שוה בנוגע צו דעם רמב"ם, ובלשון הרמב"ם אליין, וואס ער האט זוכה געווען אז דאס איז נתקיים געווארן בנוגע לספרו בפרט, אז עס זאל זיין "כקטן כגדול", אז פון די קטנים שאין קטנים מהם בישראל, ביז "כגדול" שאין גדולים מהם בישראל, זיינען זיי אלע פארבונדן מיטן ספר, דורך די פסקי-דיני הספר, וואס דאס איז דאך "הלכות הלכות"[3], ובלשון הגמרא אין שבת "דבר הוי' זו הלכה"[4], אז דאס איז "דבר ה'" אשר "גילה אל עבדיו הנביאים"[5] און "חכם עדיף מנביא"[6] –

---

1) טור ורמ"א אורח-חיים סי' תרס"ט. וראה קונטרס שיחות בדבר לימוד ספר הרמב"ם הע' 27.

2) גמרא מס' חולין דף יח, ע"ב; נז ע"א.

3) הקדמה לספר היד.

4) דף קלח, ע"ב.

5) ע"פ עמוס פרק ג', פסוק ז'.

6) בבא-בתרא דף יב, סע"א; זהר ח"א ז'; ח"ג רכג, ע"א.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויגש

געפינט מען דאך א דבר נפלא, וואס אויף זיין מצבה, וואס כאמור איז "מדשתקו שמע מיני' דאודו לי"[7], אז די אלע באזוכער, אויך די גדולי ישראל האמיתיים וואס האבן באזוכט מקום-מנוחתו, האבן געזען די אויפשריפט און האבן אויף דערויף "שתקי" – איז דאך פארשטאנדיק "דאודו לי",

וואס דארט איז געשריבן, אז "ממשה עד משה", פון משה רבינו בן עמרם, ביז משה בן מימון הספרדי – איז "לא קם כמשה".

וואס די פליאה הכי גדולה בזה איז דאך: צווישן משה רבינו בן עמרם, ביז משה בן מימון – זיינען דורכגעגאנגען העכער פון פערציג דורות!

פערציג דורות רעכנט אויס דער רמב"ם איז געווען פון משה'ן ביז רב אשי, צום סיום הש"ס, דערנאך איז נאך געווען כמה דורות אין אמוראים וואס ווערן אנגערופן "סבוראי", און דערנאך גאונים, און אין גאונים גופא כמה דורות, ביז וואנענט ס'איז געקומען דער רמב"ם –

איז מעיד אט די אויפשריפט, אז אין די אלע פופציג דורות אן ערך איז ניט געווען קיין איין און איינציקער וואס אין דעם ענין זאל ער זיין ווי משה רבינו – ביז ס'איז געבארן געווארן און ער האט געלערנט און האט מפיץ געווען תורה – ר' משה בן מימון!

וואס דאס איז דאך א תואר הכי גדול, וואס מ'געפינט אים ניט (על-כל-פנים איך האב דאס ניט געפונען), מ'זאל דאס זאגן אויף איזה שהוא, אז אין די פופציג דורות, וואס אט די דורות הויבן זיך אן פון משה רבינו, וואס "מסרה ליהושע"[8] תלמידו, וואס לא מש מן האוהל[9], "ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים", און צו אנשי כנסת הגדולה, מיטן גאנצן סדר פון די ארבעים דורות מקבלים, און דערנאך נאך כמה דורות, כאמור לעיל –

איז ניט געווען קיין איינער וואס אין די פרטים על-כל-פנים האט ער זיך געקענט אויסגלייכן מיט משה רבינו, און בנוגע צו ר' משה בן מימון, איז ניט נאר ער האט זיך אויסגעגליכן, נאר ס'איז געווארן א דבר ידוע ומפורסם בכל תפוצות ישראל, איינגעקריצט אין אן אבן, אין ארץ-הקודש, און דארט גופא אין טברי', וואס ווי דער רמב"ם ברענגט אראפ בספרו איז "משם תחזור סנהדרין"[10], ביז סנהדרין גדולה, בביאת משיח

---

7) ע"ד ל' חז"ל בבא-מציעא דף ו' ע"א, ועוד.

8) משניות אבות ריש פרק א'.

9) ע"ד פ' תשא פרק לג, פסוק יא.

10) הל' סנהדרין פרק יד, הל' יב.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויגש

צדקנו – איז דארטן חרות, אין א שטיין, און חרות אין אותיות החקיקה, אז "ממשה עד משה לא קם כמשה".

וואס דאס איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעת מ'האט אט דעם טאג, און עס קלייבן זיך צוזאמען כמה וכמה אט די וואס האבן שוין געלערנט און האלטן בא מסיים זיין היינט, און אויך די וואס מאיזו סיבה שתהיה האבן געלערנט פרק אחד ליום, אדער ספר המצוות, אדער מאיזו סיבה שתהיה נאך ניט אנגעהויבן – וועט זיכער דער זכות הרמב"ם זיי ביישטיין, אז זיי וועלן אנהויבן אט דעם לימוד פון איצט אן אויף די שנה הבאה, אויף דעם מחזור שני, ואדרבה זיי וועלן לערנען ביתר שאת וביתר עוז, אין אן אופן פון "כפלים לתושיה"[11].

---

11) ראה שמות-רבה רפמ"ו.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.